יורי ווערעניאַפּין
ייִדיש 102ר'
פּראָפ' דוד־הירש ראָסקעס
דעם 31טן מאַרץ, 2003

קריטישע עסטעטיזאַציע פֿון ייִדישן שטעטל:

דער רעטאָרישער געבוי פֿון "הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים"

"דער זיידע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" - מיט אַזאַ בכּבֿודיקן טיטל האָט שלום־עליכם באַלוינט מענדעלע מוכר־ספֿרים. איבערלאָזנדיק אין אַ זײַט דעם קאָמפּליצירטן און פּראָבלעמאַטישן ענין פֿון די באַציִונגען צווישן שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש און זײַן מענדעלע, וועלכער האָט מיט דער צײַט פֿאַרטונקלט זײַן שאַפֿער, קען מען באַטראַכטן שלום־עליכמס ווערטער ווי אַ קאָמפּלימענט זיי בײדן: אי דעם שרײַבער, אי דעם פֿאַרמיטלער זײַנעם. אַבראַמאָוויטשן געהערט גאָר אַ באַזונדער אָרט אין דער פֿאָרמירונג פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור פֿון ייִדן, און ניט בלויז אויף איין שפּראַך, נאָר גאָר אויף צוויי: ייִדיש און העבריִיש. אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע קאַריערע ווי אַ טיפּישער משׂכּיל, אָפּגעבנדיק ניט ווייניק כּוחות דעם שרײַבן פֿון העבריִישע מאמרים און ראָמאַנען אין טרוקן־דידאַקטישן גײַסט פֿון דער השׂכּלה, וואָס הײַנט אינטערעסירן די אָ ווערק זײַנע נאָר אַ קליינע צאָל ליטעראַטור־פֿאָרשערס. נאָר צו ביסלעך האָט אַבראַמאָוויטש מצליח געווען צו דערגרייכן אַ קינסטלערישע פֿרײַהייט, צו געפֿינען אַן אופֿן שרײַבן, וואָס זאָל זײַן בהסכּם מיט זײַנע שאַפֿערישע אימפּולסן, מיטן פֿאַרנעם פֿון זײַן טאַלאַנט און אויך, און דאָס איז גאָר וויכטיק, מיטן בײַטנדיקן גײַסט פֿון צײַט. די דאָזיקע דערגרייכונגען און אַנטפּלעקונגען, וואָס זלמן רייזען האָט אין זײַן *לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור* פֿאַרסך־הכּלט אויף עפּעס אַ סאָוועטישן אופֿן ווי אַ "געזונטער רעאַליזם", זענען באַזונדער בולט אין אַבראַמאָוויטשעס ראָמאַנען אויף ייִדיש, וואָס נישט נאָר איז ער דורך זיי געוואָרן אַ גרויסער און געראָטענער שרײַבער, נאָר וואָס זיי האָבן אויכעט פֿאַרלייגט דעם וועג פֿאַר דורות ייִדישע שרײַבערס נאָך אים (רייזען 29). אין אַ וווּנדערלעכער פֿאָרשונג פֿון דער פֿיגור פֿון מענדעלען ווײַזט דן מירון אַפֿילו אָן אויף די פֿעסטע פֿעדעם, וואָס ציִען זיך פֿון אַבראַמאָוויטשן צו מאַרק שאַגאַל, שלומה מיכאָעלס און אַנדערע מײַסטערס פֿון מאָדערנער ייִדישער קונסט אין אַלע אירע פֿאָרמען.

די גרעסטע דערגרייכונגען פֿון אַבראַמאָוויטשן זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געפֿונען אַ פּאַסיקע טעמע און אַ פּאַסיקן מעדיום: ער האָט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי מע קען קינסטלעריש פּראָדוקטיוו שרײַבן וועגן ייִדישן לעבן אין תּחום־המושבֿ, און האָט דורכגעפֿירט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט פֿון אָפּשלײַפֿן און צופּאַסן די שפּראַך לײַגנדיק דעם יסוד פֿון מאָדערנעם ליטעראַרישן ייִדיש. די דאָזיקע צוויי אויפֿטוען זענען אוודאי ענג פֿאַרבונדן איינע מיט דער אַנדערער. אַבראַמאָוויטש איז געווען איינער פֿון די ערשטע ייִדישע שרײַבערס, וואָס האָבן דערפֿילט אַ שטאַרק באַדערפֿעניש צו עסטעטיזירן דאָס ייִדישע לעבן אין שטעטל. כּדי זיך אויפֿצוהייבן אויף אַ נײַעם ניוואָ, האָט אַ שרײַבער אַזאַ ווי אַבראַמאָוויטש - אַ מאָדערנער ייִד, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אויף די אידעאָלאָגישע און עסטעטישע יסודות פֿון דער השׂכּלה און, דורך דער השׂכּלה, אויף דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער קולטור, באַדאַרפֿט גובֿר צו זײַן די באַגרענעצונגען פֿון דער פֿריִערדיקער משׂכּילישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַן אומברחמנותדיקער קריטיק פֿון טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבן און האָט גערופֿן צו לינגוויסטישער און קולטורעלער צופּאַסונג צו דער אַרומיקער געזעלשאַפֿט.

אַבראַמאָוויטשעס זוכענישן זענען גאָר דײַטלעך אין "הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים", מיט וועלכער עס עפֿנט זיך דער ראָמאַן *דאָס קליינע מענטשעלע*. צוויי פֿאַרשידענע רעדאַקציעס - איינע פֿון דער ווילנער אויסגאַבע פֿון 1879 און די צווייטע פֿון אַדעסער פֿון 1907 - באַווײַזן ווי די טענדענץ פֿון דער עסטעטיזאַציע פֿון שטעטל איז אין לויף פֿון די יאָרן געוואָרן אַלץ שטאַרקער אין אַבראַמאָוויטשעס שרײַבן.

באַזונדער אינטערעסאַנט איז דער נײַער סוף, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט צוגעגעבן אין דער שפּעטערער רעדאַקציע. דער צוגאָב איז גאַנץ אַ לאַנגער - כּמעט אַ דריטל פֿון דער גאַנצער הקדמה. לויט דן מירונס מיינונג איז עס אַפֿילו צו לאַנג. מירון שרײַבט, אַז אַבראַמאָוויטש האָט "פֿאַרוואַסערט" די קורצע און שאַרפֿע ווערסיע פֿון 1879. מע קען אָבער קוקן אויף די ענדערונגען גאָר אַנדערש און זען אין נײַעם סוף אַ המשך און אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון אַבראַמאָוויטשעס זוכן אַן עסטעטיש צוציִענדיקע ייִדישער ווירקלעכקייט.

די הויפּטטעמע פֿונעם נײַעם סוף איז מענדעלע מוכר־ספֿרימס ליבשאַפֿט צו דער נאַטור. אַן אינטערעס צו דער נאַטור איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער השׂכּלה. די משׂכּילים האָבן געהאַלטן, אַז ס׳רובֿ ייִדן זענען פֿאַרגרעבט געוואָרן אין זייער אָפּגעריסנקייט פֿון די נאַטור־שיינקייטן: חיות און געוויקסן, פֿעלדער און וועלדער. ייִדן באַדאַרפֿן, האָבן זיי געטענהט, זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער דאָזיקער שוואַכקייט און זיך אינטערעסירן ניט נאָר מיט געלט און האַנדל, נאָר אויך מיט גאָטס שיינער וועלט. אַבראַמאָוויטש אַליין האָט אָפּגעגעבן אַ סך

יאָרן אַ גרויסן פּראָיעקט פֿון איבערזעצן און איבעראַרבעטן אויף העברעיִש אַ דרײַבענדיק דײַטשיש ווערק וועגן נאַטור־וויסנשאַפֿט. אַבראַמאָוויטשעס *ספֿר תּולדות הטבֿע*, ווי אויך אַנדערע אַזעלכע ווערק פֿון די *משׂכּילים*, האָבן אָבער געהאַט ווייניק השפּעה אויפֿן לעבן פֿון טראַדיציאָנעלע ייִדן אין שטעטלעך פֿון 19טן יאָרהונדערט און אויף זייערע באַציִונגען מיט דער נאַטור, וועלכע צוליב פֿאַרשיידענע היסטאָרישע און קולטורעלע סיבות זענען נישט געווען באַזונדערס נאָענט. מענדעלעס צוצי צו דער נאַטור זעט דעריבער אויס זייער אומטיפּיש. די באַשרײַבונג פֿון זײַן כּסדרדיק בענקעניש נאָך חיהלעך, גרעזעלעך און טײַכעלעך שטרײַכט, דוכט זיך, אונטער זײַן אָפּגעזונדערטקייט פֿון ייִדישן כּלל. מענדעלע אַליין זעט אויס צו באַטראַכטן זײַן נאַטור־תּאווה אויף אַזאַ אופֿן. בײַם לויבן די נאַטור באַניצט ער זיך ווידער און ווידער אַ מאָל מיט אַזוינע אויסדריקן ווי "לא־עליכם", "ניט פֿאַר אײַך געזאָגט געוואָרן" אד"גל, אונטערשטרײַכנדיק דורך דעם די משונהדיקייט פֿון זײַן "ליבשאַפֿט צו דער נאַטור", וואָס איז אַזוי פֿרעמד דעם טראַדיציאָנעלן ייִד. משׂכּילישע שרײַבערס פֿון פֿריִערדיקן דור האָבן געהאַט אַ נטיה צו פּריידיקן אין די פֿאַלן, ווען די ייִדישע ווירקלעכקייט איז נישט געווען בהסכּם מיט זייערע פּראָגרעסיווע קוקן. אין מענדעלעס ווערטער וועגן נאַטור זענען אָבער גאָר ניטאָ קיין סימנים פֿון פּריידיק; ער זאָגט נישט, אַז אַלע ייִדן זאָלן פֿאָלגן זײַן בײַשפּיל. גאָר פֿאַרקערט - ער שרײַבט "נישט פֿאַר אײַך גערעדט, ייִדישע קינדער".

אויב מע קוקט זיך צו אַ ביסעלע נענטער, זעט מען, אַז דער נײַער סוף איז כּלל נישט קיין מאָנאָלאָג פֿון אַ טשודאַק, וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט געוויינטלעכן ייִדישן לעבן. מענדעלע באַווײַזט ווי אַזוי מע קען שלום מאַכן צווישן דער ליבשאַפֿט צו דער נאַטור און טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט. וואָס מער, ווײַזט ער אויף, אַז אַדרבא די נאַטור שפּילט אין ייִדישן שטייגער לעבן גאָר אַ גרויסע ראָלע. מע באַדאַרף זיך נאָר צוקוקן, וועט מען באַלד זען, אַז סע זענען דאָ אָן אַ שיעור ייִדישע מינהגים, וואָס האָבן אַ דירעקטן שײַכות צו דער נאַטור. מענדעלע דערמאָנט די טראַדיציע פֿון קידוש־לבֿנה, ווען די שיינקייט פֿון דער "פֿאַרטראַכטער, מרה־שחרהדיקער לבֿנה", וואָס שײַנט אויפֿן "אויסגעשטערנטן בלויען הימל" פֿאַרשאַפֿט אים פֿיל נחת און אַזש פֿאַרשיכּורט אים מיט פֿרייד (134). אתרוג, לולבֿ און הושענות, וואָס ייִדן ניצן סוכּות־צײַט, זענען אַן אַנדער געלעגנהייט זיך צו דערנעטערן צו דער נאַטור. מענדעלע שעפּט גרויס נחת פֿון די דאָזיקע געוויקסן - פֿון זייער פֿרישקייט, פֿון זייער אויסזען און ריח. ווען ראָש־השנה גייען ייִדן צום תּשליך איז דאָס פֿאַר מענדעלען אַ שיינער שפּאַציר צום טײַך.

אַזוי אַרום, הגם מענדעלע איז אַוודאי אין אַ געוויסן זין אַ פֿרעמדער צווישן טראַדיציאָנעלע ייִדן, בלײַבט ער דאָך צוזאַמען מיט זיי, פֿאַרלאָזט ער נישט די טראַדיציע. מענדעלע באַווײַזט ווי אַזוי מע קען בלײַבן אַן אמתער

ייִד, מיט באָרד און פּאות, און דאָך קוקן אויפֿן ייִדישן לעבן מיט אַ נײַעם פֿרישן קוק. אין אָט דער קאָמבינאַציע איז איינער פֿון די הויפּט־סודות פֿון מענדעלעס כּישוף און חן פֿאַרן לייענער און פֿאַר זײַן שאַפֿער אַבראַמאָוויטש.

אַן ענלעכע קאָמבינאַציע פֿון אָפּגעזונדערטקייט און אינטימער נאָענטקייט זעט זיך אָן אינעם צווייטן טעמאַטישן טייל פֿונעם נײַעם סוף פֿון דער הקדמה. פֿאָרנדיק אויפֿן וואָגן דורך די פֿעלדער און טאָלן פֿון תּחום איז מענדעלע אַ פֿרעמדער פֿאַר די געוויינטלעכע ייִדן, וואָס זיי זיצן בײַ זיך אין קליינע שטעטלעך און זעען ווייניק פֿון גאָטס וועלט. דווקא די אָ באַשרײַבונג אָבער גיט מענדעלען צו אַ טעם פֿון אַרכיטיפּישקייט. דאָס וואַנדערן איז דאָך איינער פֿון די צענטראַלע מאָטיוון אין דער ייִדישער געשיכטע און אין ייִדישן קולטורעלן זכּרון. אַבראַמאָוויטש נעמט דעם דאָזיקן מאָטיוו און שאַפֿט אַ שיין געשטאַלט, ווײַזנדיק וואָס פֿאַר אַ װוּנדערלעכע געלעגנהייט ליגט אין וואַנדערונגען: "פֿאָרנדיק אין וועג וועסטו זיך ליגן צעלייגט ווי אַ מלך בײַ דיר אויפֿן וואָגן און צוקוקן זיך איטלעכס פּיצל פֿון גאָטס קונציק שיינע ווערק און זײַנע באַשעפֿענישן אויף בערג און טאָלן, אויף פֿעלדער און וועלדער" (137). אין דער דאָזיקער באַשרײַבונג ווערט מענדעלע אַן אַרכיטיפּישע ייִדישע פֿיגור.

מענדעלע פֿונקציאָנירט ווי אַ מין פֿאַרמיטלער צווישן אַבראַמאָוויטשן און דעם לייענער. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַבראַמאָוויטש נעמט דווקא אַזאַ טיפּישן ייִד, מיט באָרד און פּאות. לויט דן מירון אָבער איז מענדעלעס טראַדיציאָנעלער אויסזען אין אַ גרויסער מאָס אַן אָנשטעל. מע קען אויף זײַן פּנים, שרײַבט מירון, ממש זען אַ "דיקן שיכט פֿון גרים" (170,2000). מענדעלע איז צו גוט געבילדעט, ער איז צו קריטיש און סאַרקאַסטיש. דער פֿאַקט אַליין, אַז ער פֿאַרנעמט זיך מיט אַרויסגעבן וועלטלעכע ביכלעך איז שוין אַ גוטע סיבה אים חושד צו זײַן אין משׂכּילישע השפּעות. און דאָך, לכל־הפּחות כּלפּי־חוץ, איז מענדעלע אַ טראַדיציאָנעלער פֿרומער ייִד, וואָס זעט אויס, "ווי געוויינטלעך דאָס רובֿ מענטשן", און רעדט נאָר ייִדיש (127). אַבראַמאָוויטש באַדאַרף מער נישט קיין "עדעלמוטיגן מאַרקוס" פֿון פֿריערדיקע משׂכּילישע שרײַבערס, וואָס קליידט זיך אויס אויפֿן דײַטשישן מאַניר און רעדט אויף ריין דײַטש.

פֿאַר די ערשטע משׂכּילים איז פֿאָלקשפּראַך מיט אירע זאַפֿטיקע אויסדריקן און אידיאָמען געווען אַ סימן פֿון קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט. אַן ענלעכע באַציִונג האָבן זיי געהאַט בנוגע דעם באַנוץ פֿון הייליקע פּסוקים. געוויינטלעך אין זייערע ווערק האָט דער גרעסטער רשע און צבֿועק אַ באַזונדערע נייגונג צו "פּסוקימדיקייט", ווי דוד ראָסקעס רופֿט עס אָן. מענדעלעס לשון איז זייער פֿאָלקסטימלעך און רײַך מיט אידיאָמען, ווערטלעך, ווי אויך אין תּנכישע פּסוקים. און ס'איז מער נישט קיין נעגאַטיוועך סימן, נישט קיין באַווײַז פֿון צבֿיעות און

קלײנשטעטלדיקער באַגרענעצטקייט. אַ מאָל ניצט מענדעלע באַגריפֿן און אויסדריקן, וואָס קלינגען עפּעס פֿרעמד פֿאַרן טראַדיציאָנעלן ייִדישן אויער. נאָר ער שטרײַכט באַלד אונטער, אַז אים קלינגט עס אויך פֿרעמד. ווען ער רעדט למשל וועגן דער "ליבשאַפֿט צו דער נאַטור" גיט ער צו, אַז אַזוי עס רופֿן דאָס אַן "זיי", "אויף זייער לשון" (134). אַזוי אַרום, אויב אַפֿילו מענדעלע איז נישט אויף הונדערט פּראָצענט אַ טראַדיציאָנעלער ייִד, איז ער אויכעט נישט איינער פֿון "זיי" - די מאָדערנע ייִדן, וואָס גייען אייראָפּעיִש געקליידט און ריידן און לייענען דײַטש.

אַז מע רעדט וועגן מענדעלען איז וויכטיק צו געדענקען, אַז ער איז נישט קיין אמתער העלד פֿון אַ ראָמאַן מיט אַלע "רעכט און התחייבֿותן", וואָס אַזאַ העלד פֿאַרמאָגט. מענדעלעס פֿונקציע איז קודם־כּל אַ טעכנישע: ער דינט ווי אַ מיטל צו שאַפֿן אַ פּאַסיק געזעם פֿאַר אַבראַמאָוויטשעס ווערק. פֿאַר דעם אָ צוועק איז מענדעלע אַ גאָר געראָטענע המצאה. איינע פֿון זײַנע כאַראַקטעריסטישסטע אייגנקייטן איז אַ פּאַראַדאָקסאַלע קאָמבינאַציע פֿון באַרעדעוודיקייט און שווײַגעוודיקייט. אַליין וויל ער, דאַכט זיך, גאָר נישט ריידן, נאָר ער גייט אײַן אויף די הייסע פֿאַרלאַנגען פֿון אַ גרויסן און טומלדיקן עולם, וואָס ער אַליין שאַפֿט אין זײַן פֿאַנטאַזיע. ער באַפֿרידיקט אָבער זייער נײַגעריקייט מיט אַזאַ לאַנגן און פּרטימדיקן באַריכט, אַז עס נעמט זיך דאַכטן, אַז זײַן אומחשק צו ריידן איז גאָר געווען אַן אָנשטעל. מע קען אין מענדעלעס ריידן ממש פֿילן אַ "קאַם פֿאַרהוילענעם פֿאַרגעניגן", ווי מירון באַשרײַבט עס (167,1973). מענדעלעס באַרעדעוודיקייט איז אַ באַווײַז, אַז ער איז אין דער אמתן איינער פֿון די, וועלכע ער קריטיקירט.

דער אַפּאָגיי פֿון מענדעלעס באַרעדעוודיקייט איז זײַן "נישט דאָס בין איך אויסן". אין מיטן אַן אָפּטרעטונג, וואָס האָט, דאַכט זיך, ווייניק צו טאָן מיט דעם, וואָס איז געווען פֿריִער, כאַפּט זיך מענדעלע, גלײַך ווי ער וואָלט דערזען זײַן טעות, און שלאָגט זיך איבער די רייד מיט אַן "אָבער נישט דאָס בין איך אויסן". פֿאַר וואָס באַניצט זיך אַבראַמאָוויטש מיטן דאָזיקן טריק? צי וויל ער ווײַזן דעם לייענער, אַז זײַן מענדעלע איז נישט מסוגל צו טראַכטן קלאָר און קאָנסעקווענט? ס'איז קלאָר, אַז דער דאָזיקער טריק איז אַ סך טיפֿער און וויכטיקער. קודם־כּל, שאַפֿן מענדעלעס אָפּטרעטונגען אַן אינטימע אַטמאָספֿער פֿון אַ פֿרײַען און אומגעצווונגענעם שמועס "צווישן אייגענע", ווען איין פּרט פֿירט צו אַן אַנדערן, און מע האָט נישט מורא צו "פֿאַרלירן דעם פֿאָדעם", וואָרן מע געטרויט די מיטשמועסערס.

נאָך מער, ווי מירון ווײַזט אויף, איז "נישט דאָס בין איך אויסן" אָפֿט אַ סימן פֿאַרן לייענער זיך בעסער אײַנצוקוקן און "זוכן באַהאַלטענע טײַטשן" (160,1973). וואָס זשע איז דאָ באַהאַלטן? עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז

אין אַלע פֿאַלן אין דער הקדמה, ווו מענדעלע זאָגט "נישט דאָס בין איך אויסן", איז זײַן אמתער צוועק אַ שאַרפֿע קריטיק פֿונעם ייִדישן מצבֿ אין רוסלאַנד. שוין אינעם ערשטן פֿאַל, ווען מענדעלע דערציילט וועגן זײַן עלטער־זיידע מענדעלע מאָסקווער, זעט מען קלאָר אַ קריטיק פֿון ייִדן, וואָס אין זייער אָפּגעשטאַנענקייט און נאַיִווקייט האָבן זיי אַזאַ גרויסן דרך־ארץ און אַזאַ צוטרוי צו אַ ייִד, וואָס עס איז אים געלונגען אַרײַנצופֿאָרן אויף אַ קורצער צײַט אין שטאָט מאָסקווע (וואָס איז דעמלט געווען "פֿאַרשלאָסן" פֿאַר מערסטע ייִדן). מענדעלע באַשרײַבט, ווי מענטשן אין שטעטל פֿלעגן קומען צו זײַן עלטער־זיידן זיך מיט אים מישבֿ זײַן "בײַם אָנשרײַבן אַ פּראָשעניע" און מיט כּלערליי אַנדערע שאלות און בקשות (124). די גאַנצע זאַך קלינגט ווי אַ וואָרענונג נישט אָנצונעמען אַלץ "פֿאַר גוט געלט". דער נאָמען "מאָסקווער" איז נאָך ניט קיין באַווײַז פֿון גרויסע קענטענישן און חכמה. פּונקט אַזוי ווי דער מענטש מיטן נאָמען "מענדעלע מוכר־ספֿרים" קען זיך אַרויסווײַזן פֿאַר גאָר עפּעס אַנדערש, ווי מע האָט זיך גערעכט.

דער צווייטער פֿאַל פֿון "נישט דאָס בין איך אויסן" קומט נאָך אַ רשימה פֿון ייִדישע שטעט: צבֿועטשיץ, גלופּסק, קאַבצאַנסק און טונעיאַדעווקע (124). די דאָזיקע ליסטע איז אַ שטרענגע קריטיק פֿון די עבֿירות און שוואַכקייטן פֿון ייִדישן פֿאָלק. אַבראַמאָוויטש דריקט דאָ אויס זײַן קריטיק מיט דער הילף פֿון די גאַנץ דורכזעעוודיקע נעמען פֿון די שטעט, וואָס זענען טײַטש "צבֿיעות", "נאַרישקייט", "אָרעמקייט" און "פּאַראַזיטיזם". ייִדישע אָרעמקייט איז די טעמע פֿון אַן אַנדער אָפּטרעטונג, אין וועלכער מענדעלע רעדט וועגן זײַן משפּחה. ער דערציילט, אַז קינדער האָט ער אַ סך און גיט דערנאָך צו: "וואָס דען האָט אַ ייִד?" (128). די אָ טרויעריקע רעטאָרישע פֿראַגע דערמאָנט דעם לייענער אין דער נעבעכדיקער עקאָנאָמישער לאַגע פֿונעם רובֿ ייִדן. שפּעטער אין דער הקדמה דערציילט מענדעלע וועגן זײַן קליאַטשע, וואָס שטייט אַ מאָל אויפֿן שולהויף און קוקט מיט אַ גרויסן אינטערעס אויף די הייליקע ספֿרים אין מענדעלעס וואָגן, "עפּעס גאָר ווי אַ טרייפֿענער למדן" (132). "נישט דאָס בין איך אויסן" כאַפּט זיך באַלד מענדעלע. איז דאָס אָבער טאַקע אמת, אַז נישט דאָס ער איז אויסן? ס'איז גאַנץ קלאָר, אַז אין דער אמתן איז די דאָזיקע באַמערקונג וועגן אַ "טרייפֿענעם למדן" אָנגעצילעוועט אויף דער פֿיגור פֿון אַ פֿרומען צבֿועק, וואָס די משׂכּילים האָבן אַזוי ליב געהאַט צו באַפֿאַלן. אַזאַ איינער איז כּלומרשט פֿאַרטאָן אין פֿרומקייט, נאָר אין דער אמתן איז ער ניט מער פֿאַראינטערעסירט אין די הייליקע ספֿרים, ווי אַ פֿערד. אין דער ווערסיע פֿון 1879 ווערט מענדעלעס פֿערד פֿאַרגליכן צו אַ בעלפֿער אַנשטאָט אַ למדן - אַ בפֿירושדיקע קריטיק פֿון דער סיסטעם פֿון ייִדישער בילדונג.

נישט קוקנדיק אויף אַ סך שאַרף קריטישע נאָטעס, וואָס קלינגען קלאָר אין דער הקדמה, איז מענדעלעס טאָן נישט בייז, נאָר פֿול מיט וואַרעמקייט און סימפּאַטיע. מענדעלע איז אַפֿילו גרייט מודה צו זײַן, אַז נישט אַלץ וואָס זעט אויס צו זײַן אַ חסרון איז מעגלעך און נייטיק צו פֿאַרריכטן - אַן אידיי, וואָס פֿאַר אַ משׂכּיל פֿונעם פֿרײַערדיקן דור וואָלט אויסגעקומען לעכערלעך. מענדעלע האַלט געוויסע זאַכן פֿאַר "דרך־הטבֿע". אַזוי למשל, בײַם אַרומרײדן די ייִדישע נײַגעריקייט טענהט ער, אַז דאָס איז אַ נאַטירלעכער טייל פֿון ייִדישן וועלטבאַנעם. ער ניצט אַפֿילו די הייליקע תּורה כּדי צו דערווײַזן די ריכטיקייט פֿון זײַן געדאַנק. ער דערמאָנט דעם לייענער, אַז דער מלאך, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט יעקבֿ אָבֿינו, האָט אויך גלײַך געשטעלט די פֿראַגע "מה־שמכם?". אויכעט דער מלאך־הדומה, ווײַזט מענדעלע ווײַטער, פֿרעגט דאָס זעלבע בײַ יעדן געשטאָרבענעם.

פֿאַרשטייט זיך איז מענדעלעס באַניץ פֿון די כּתבֿי־הקודש פֿול מיט איראָניע. שטעלנדיק מלאכים אין דער זעלבער ריי מיט טומלדיקע אײַנוווינערס פֿון שטעטל ווײַזט מענדעלע אַרויס ווייניק דרך־ארץ פֿאַר די הייליקע תּנכישע פֿיגורן. מירון רופֿט מענדעלען אַפֿילו אָן אַ "שוואַרצער רבֿ" און ווײַזט אויף, אַז זײַן דרוישנדיקע פּסוקימדיקייט איז פֿאַלש און פֿאַרפֿירעריש (177,1973). איין זאַך איז דאָ אָבער זיכער: אָננעמענדיק דאָס נײַגעריקע מישן זיך אין יענעמס געשעפֿטן ווי עפּעס וואָס איז דרך־הטבֿע באַרעכטיקט מענדעלע זײַנע ייִדישע ברידער און מאַכט שלום מיט אָט דעם שטריך פֿון ייִדישער נאַטור.

די געשטאַלטן, וואָס אַבראַמאָוויטש שאַפֿט אין דער הקדמה, זענען אויסערגעוויינטלעך שאַרף און לעבעדיק, דער לייענער קען זיי ממש זען און הערן. דער באַזונדערער טאַלאַנט פֿון אַבראַמאָוויטשן צו שאַפֿן לעבעדיקע סצענעס, אַ מין טעאַטער־שפּיל, אויף די זײַטן פֿון זײַנע ווערק קומט דאָ צום פֿולן אויסדרוק. שוין בײַם סאַמע אָנהייב, ווען מענדעלע רעכנט איבער פֿאַרשידענע אופֿנים אויף וועלכע ייִדן האָבן זיך ליב צו מישן אין יענעמס לעבן, שאַפֿט זיך אַ וווּנדערלעכע גאַלעריע פֿון ייִדישע טיפּן. די פֿאַרשוינען שטופּן זיך און פּלאַפּלען אָן אָן אויפֿהער; זיך אָנווענדנדיק צום לייענער, נעמען זיי בײַ אים אַ שמעק טאַבעקע, פֿרעגן אים וויפֿל עס האָט געקאָסט זײַן נײַע קאַפּאָטע, און דריקן אויס זייער נײַגעריקייט אויף נאָך אַ סך אַנדערע אופֿנים. אַבראַמאָוויטש שאַפֿט אַ כאָר פֿון קולות, אַ שפּיל, וואָס דער לייענער צי ער וויל יאָ, צי נישט, ווערט אין איר אַרײַנגעצויגן. אין אַן אַנדער אָפּשניט זאָגט מענדעלע בײַם באַשרײַבן זײַן פּאַך: "האַנדלען האַנדל איך, ווי איר קוקט מיר אָן, מיט ספֿרים" (128). דאָס דאַזיקע "ווי איר קוקט מיר אָן" פֿאַרשטאַרקט תּיכּף די רעאַלקייט פֿון מענדעלען: אָט, שטייט ער פֿאַרן לייענער, וואָס קוקט אים אָן און שיט מיט שאלות. די וויכטיקע ראָלע, וואָס מאָנאָלאָג און דיאַלאָג, ווי אויך

ריידשפּראַך בכלל, שפּילן בײַ אַבראַמאָוויטשן, איז שפּעטער געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שלום־עליכמען און פֿאַר דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור.

די שפּעטערדיקע רעדאַקציע פֿון דער הקדמה איז אַנדערש ניט בלויז אינעם סוף. אַבראַמאָוויטש האָט אין 1907 געמאַכט אַ סך קליינע איבערבײַטונגען און צוגאָבן. פֿאַרשטייט זיך, אַז זײַן כּוונה איז געווען צו פֿאַרבעסערן דעם טעקסט. ניט אין אַלע פֿאַלן, דאַכט עס זיך אָבער, האָט זיך אים דאָס אײַנגעגעבן. אַ ריי בײַטענישן זענען בכלל נישט וויכטיק: ס'איז באמת שווער צו זאָגן צי זיי זענען פֿאַרבעסערונגען צי גאָר פֿאַרערגערונגען. עטלעכע זעען אויס אומנייטיק און איבעריק. און דאָך זענען אַ סך פֿון די איבערבײַטונגען אַ קלאָרער באַווײַז פֿון אַבראַמאָוויטשעס וואַקסנדיקער מײַסטערשאַפֿט. אַ צאָל זאַצן אין דער פֿריִערדיקער ווערסיע קלינגען אַ ביסל אומגעלומפּערט - אַרבעט ער זיי איבער. צום בײַשפּיל, בײַט ער "גלייבט מיר, מײַן ווײַב אַפֿילו פֿאַר אונדזער חתונה האָבן אַזעלכע קלייניקייטן אויך כּלל נישט אינטערעסירט" - דער לשון־רבים פֿון ווערב "האָבן" איז אין דעם פֿאַל אַ ביסל פֿאַרפּירעריש - אויף "מײַן ווײַב אַפֿילו האָט פֿאַר דער חתונה אונדזערער זיך ניט אינטערעסירט מיט אַזעלכע קלייניקייטן" (128). נאָך אַ סך מער אומגעלומפּערט איז דער פֿאָלגנדיקער זאַץ פֿון דער ווילנער רעדאַקציע: "מילא, ווייסט איר דאָך, אַגבֿ, שוין, רבותי" (ד"ג). די גרויסע צאָל קאָמעס פֿאַרדרייט דעם לייענער ממש דעם קאָפּ. אַבראַמאָוויטש בײַט דעם זאַץ איבער אויף אַן אַ סך מער געראָטענעם "מילא, ווייסט איר דאָך שוין, רבותי".

די נײַע רעדאַקציע פֿון דער הקדמה באַווײַזט אויכעט אַ פֿאַרשטאַרקטע שטרעבונג צו אַ ווײַטערדיקער סטאַנדאַרטיזאַציע פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אין 1879 איז אַבראַמאָוויטש געווען אַ פּיאָניר פֿון נײַעם אויסגעהאַלטענעם ייִדיש, וואָס זאָל זיך באַפֿרײַען פֿון דײַטשמעריזמען און אַנדערע שוואַכקייטן. אין 1907 איז שוין דער מצבֿ געווען גאָר אַן אַנדערער. די יסודות, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט פֿאַרלייגט, האָבן געפֿירט צו אַן אַנטוויקלונג פֿון ליטעראַרישן ייִדיש אין די ווערק פֿון שלום־עליכם, י.ל.פּרץ און אַנדערע ייִדישע פּראָזאַיִקערס, פּאָעטן און פֿילאָלאָגן. די פֿאָדערונגען צו דער ריינקייט פֿון שפּראַך זענען געוואָרן אַ סך העכער, און אין דער שפּעטערדיקער רעדאַקציע פֿון דער הקדמה קען מען קלאָר זען אַ באַמיִונג צו פֿאַרריכטן די קליינע שוואַכקייטן און אומאויסגעהאַלטנקייטן, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט פֿריִער דערלאָזט. אין 1879 האָט ער גענוצט דעם מאָדאַלן ווערב "מעגן" אַ מאָל אָנעם פּאַרטיקל 'צו' און אַ מאָל יאָ מיט 'צו', ווי למשל אין "מעג ער זיך מטריח זײַן צו מיר צו שרײַבן" (138). אין 1907 ווערט ער פּטור פֿון אַלע פֿאַלן פֿון "צו" נאָך "מעגן". אויף אַן ענלעכן

אופֿן ווערט ער אויך פּטור פֿון אַלע פֿאַלן פֿון "אי" געניצט אינעם זינען פֿון "אויך", ווי צום בײַשפּיל אין "אַ ייִדישער מחבר מוז אַ מאָל זײַן אי אַ שדכן" (130). דער אָ זאַץ ווערט איבערגעביטן אויף "אַ ייִדישער מחבר מוז אַ מאָל אויך זײַן אַ שטיקל שדכן". אַ חוץ דעם פּרווו צו דערגרייכן מער אויסגעהאַלטנקייט און זיך אָפּהיטן פֿון דײַטשמעריזמען באַמיט זיך אַבראַמאָוויטש אויכעט אויסצומײַדן אומנייטיקע סלאַווישע אַנטלײַונגען. אַנשטאָט דעם רוסישן וואָרט "סבאָרשטשיק" ניצט ער אין 1907 "קהלס־מאַן". אַזוי אַרום, אַ דאַנק די צוויי פֿאַשידענע רעדאַקציעס פֿון דער הקדמה, האָבן מיר אַ זעלטענע געלעגנהייט צו באַטראַכטן די שינויים, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין ליטעראַרישן ייִדיש אין משך פֿון כּמעט דרײַסיק יאָר.

"הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים" איז זייער אַ רײַכער און וויכטיקער טעקסט. ס'איז גאָר ניט קיין וווּנדער, אַז דווקא דעם אָ טעקסט האָט אַבראַמאָוויטש געניצט ניט בלויז ווי די הקדמה צו *דאָס קליינע מענטשעלע*, נאָר אויך ווי דער אַרײַנפֿיר צו עטלעכע אויסגאַבעס פֿון זײַנע געקליבענע ווערק. דורך זײַן געטרײַען פֿאַרמיטלער מענדעלע האָט אַבראַמאָוויטש געקענט אויסדריקן אַ גרויסע צאָל טעמעס און מאָטיוון, וואָס זענען אים געווען וויכטיק. מענדעלע פֿאַראייניקט אין זיך אַ קריטישן קוק אויף דער ייִדישער געזעלשאַפֿט מיט צערטלעכקייט און אהבֿת־ישׂראל. ער איז אָפּגעזונדערט און קען דורכפֿירן אַן אָביעקטיוון אַנאַליז און דאָך אין דער זעלבער צײַט געהערט ער צום ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבן - ער איז דאָך אַ מוכר־ספֿרים און פֿאָרט פֿון שטעטל צו שטעטל, פֿון שטאָט צו שטאָט האַנדלענדיק מיט סידורים, חומשים, טליתים, תּפֿילין און אַנדערע רעליגיעזע אָביעקטן. זײַן שפּראַך איז לײַטיש אויסגעהאַלטן און דאָך גאָר ניט אָנגעשטרענגט, נאָר רײַך, פֿרײַ און פֿליסיק. ס'איז אַ שפּראַך, וואָס מע דאַרף שוין פֿאַר איר געפֿינען אַ בכּבֿודיקערן נאָמען, ווי "זשאַרגאָן". אין אַ געוויסן זין איז "הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים" אַ פּאַסיקער אַרײַנפֿיר צו דער גאַנצער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. די ראָלע פֿון אַבראַמאָוויטשן און זײַן מענדעלע אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער דאָזיקער ליטעראַטור איז אוממיגלעך איבערצוטרײַבן.

געניצטע ווערק


א) אַבראַמאָוויטש, שלום־יעקבֿ. «הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים».

ב) Miron, Dan. *A Traveler Disguised.* New York: Schocken Books, 1973.

ג) Miron, Dan. *The Image of the Shtetl.* Syracuse: Syracuse Univesity Press, 2000.

ד) רייזען, זלמן. *לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.* ווילנע: פֿאַרלאַג פֿון ב.קלעצקין, 1926.